# תשורה

משמחת נישואין

של

## דוד הלוי ושרה ביילא

## וויינבערג



כ״ט סיון שנת נח״ת

שלש מאות שנה להולדת הבעש״ט נ״ע

נדפס

לחיזוק התקשרות

לכ״ק אדמו״ר נשיא דורנו

לזכות

החתן הרה״ת דוד הלוי והכלה מרת שרה ביילא שיחיו

וויינבערג

לרגל יום נישואיהם בשעטומ״צ

יום ג׳, שהוכפל בו כי טוב

כ״ט סיון שנת נח״ת

ולזכות הוריהם

הרה״ת ר׳ יצחק מנחם הלוי וזוגתו מרת הני׳ שיחיו

וויינבערג

הרה״ת ר׳ נחמן יוסף וזוגתו מרת שיינדל שיחיו

ווילהלם

ולזכות זקיניהם

הרה״ת הרה״ח ר׳ יוסף הלוי וזוגתו שיחיו

וויינבערג

הרה״ת ר׳ בנציון וזוגתו שיחיו

שגלוב

מרת מריאשא שתחי׳ גרליק

מרת טעמא שתחי׳ נפרסטק

אין איינע פון די שיחות קדש האט זיך דער רבי שליט"א אפגעשטעלט אויף דעם וואס פסח איז נישט נאר א פאראייניקונג פון אלע ארבעה בנים , און דאס וואס אויך דער שאינו יודע לשאול בעפינט זיך ביי א סדר טיש -דאס דערגענצט דעם סדר של פסח , נאר באטראכטענדיג זעהען מיר אז צו די ערקלערונג פאר דעם שאינו יודע לשאול אויך איהם אריין צו בּרענגען אין די ענינים פון פסח און איהם צו ערקלערען דעם אינהאלט און די דינים פון פסח – צו דעם גיט דער בעל הגדה אס פיעל מער פלאץ דווי צו די ערקלערונג פון דעם חכם. ואולי כי הרבה והסוגיה שוניא מזה אין דער צייט וואס צו דעם חכם באשטייט דער ענטפער פון איינציגע ווערטער (און די ערקלערונג פון איינס דין אז מען מפטירין אחר הפסח אפיקומן)

איז צו דעם שאינו יודע לשאול קומט א גאנצע אריכות אין דער הגדה . אמת טאקע עס איז פיעל שווערער צו מאכען באוואוסטזיניג און ערקלערען די ענינים פון פסח צו דעם שאינו יודע לשאול ווי צו דעם חכם , איז דאך אבער למוט צערא אגרא , לויט דעם צער דער שכר , דארף מען דאך זאגען אז דער אפגעבען מיה פאר דעם שאינו יודע לשאול דאס קרענגט די גוטע רעזולטאטען נישט נאר פאר דעם שאינו יודע לשאול נאר אויך פאר אלע ארבעה בנים און דאס הויבט אויף דעם גאנצען סדר פון פסח .

און איז דאך אזוי אז ווען מ'וויל אויפהויבען א בנין מוז מען אונטערשטעלען דעם ליווער , דעם אויפהויבער, אונטער דעם פונדאמענט , וואס דאן דוקא קען מען אויפהויבען דעם גאנצען בנין, ווען אבער מען וואלט שטעלען דעם אויפהויבער נים באר פון אונטען נאר איין שטאפעל העכער צוויי שטאפעל העכער איז דאן נישט נאר וואלט ... פייל וואס אונטער דעם פארבליבען נישט אויפגעהויבען, נאר דער גאנצער בנין וואלט נישט זיין אין זיין גאנצקייט , נאר דוקא דורך דעם וואס מ'הויבט איהם פון גאר אונטען דאן הויבט עס אויף דעם דעם גאנצען בנין מיט זיין גאנצען שלימות .

אזוי אויך ביים משחדל זיין זיך צו דערהויבען די פארשידענע סוגים פון בנים-פון אידישע קינדער , איז דאס הויבען פון די גאר אונטערשט'סטע מדריגה -דער שאינו יודע לשאול וואס איז אין דעם ענין פון חכמה און שכל דער ווייטסטער פון דעם חכם , דאן דוקא קען די דערהויבונג פון אלע ארבעה בנים זיין א שלימות'דיגע .

אין וועלט איז די פארטיילונג פון פיר סוגים, זיינען דאס דומם צומח חי און מדבר , אומבאוועגליכע זאכען וואס עס זעט זיך אין זיי נישט קיין שום

רוחניות קיין שום גייסטיקייט , אויך אפילו נישט דאס וואקסען פון קליין צו גרויס וואס זעט זיך אין צומח אין די וואקסענדיגע זאכען , העכער פון די וואקסענדיגע זאכען איז חי , די לעבעדיגע באשעפענישען , און נאך העכער איז מדבר, דער מענש, וואס איז א בעל שכל .

איז נישט געקוקט אויף דעם וואס דער דומם זעט זיך נישט אין איהם קיין שום חיות , איז אבער דער אמת אז ער אויך ער האט אין זיך א רוחניות'דיגען חיות א נפש וואס באלעבט איהם און מאכט איהם עקזיסטירען ווי געברענגט אין הניא פון דעם אריז"ל, און וועלענדיג אויפהויבען די גאנצע בריאה , דערהויבען איר צו איר תכלית אז די וועלט זאל ווערען א דירה לו יתברך בתחתונים , אן ארט פון פולשטענדיגע אנטפלעקונג פון דעם באשעפער פון די וועלט -ויעם אויבערשטען- , איז ווען קען דאס זיין ?-דוקא דאן ווען אויך דער דומם ווערט דערהויבען און אויך אין איהם אנטפלעקט מען זיין ג-ט'ליכען חיות און די כוונה צו וואס ער איז באשאפען געווארען .

און דערפאר זעהען מיר אז צו דעם משכן וואס איז געווען אן ארט אין די גשמיות'דיגע וועלט וואו ג-ט'ליכקייט איז געווען אנטפלעקט , און דורך דעם ... דער ושכנתי בתוכם , זי' אנטפלעקונג פון שכינה אין אידען און אין וועלט, איז דער משכן באשטאנען נישט נאר פון מְדַבֵּר, דער כהן וואס האט געטהאן די עבודה אין דעם משכן , און נישט נאר פון חי , די קרבנות וואס מ'האט מקריב געווען אין משכן און די אנדערע זאכען פון לעבעדיגע באשעפענישען וואס זיינען באנוצט געווארען צום מאכען דעם משכן , און אויך נישט נאר פון צומח , די וואקסענדיגע זאכען וואס זיינען אין דעם באנוצט געווארען אנפאנגענדיג פון די קרשים די ברעטער וואס זיינען געווען אן עיקר אין משכן , נאר אויך פון דומם , און אדרבא גלייך צום אנפאנג ווען מ'זאגט אן ווענען די נדבות פון וועלכע צו מאכען דעם משכן קומט גלייך דער זהב]כסף ונחושת, דומם, אומבאוועגליכע זאכען ,

און ווען עס רעדט זיך וועגען בית המקדש וואס דער משכן איז בלויז א צייטווייליגע זאך אין פארגלייך מיט דעם בית המקדש , וואס דער משכן ווערט אנגערופען א צייטווייליגער געצעלט אהל, און דער בית המקדש בית עולמים , אן אייביקייט , איז בעך בית המקדש געווען דער עיקר פון דומם , די גאנצע ווענט געווען פון שטיינער דוקא

שיזכות דירץ

~~קרבן הצלך האס באה און ...~~ , —דאס אלץ ווייל צו די דערהויבונג פון וועלט מוז די דערהויבונג זיין פון דעם אונטערשט'סטען סוג וואס אין וועלט דער סוג פון דומם.

די זעלבע זאך איז אויך ביים מענש בגופא , וואס אויך ביים דער מענש וואס איז אן עולם קטן א קליינע וועלט , באווייזט ער אויך אלע פיר סוגים דומם צומח חי מדבר , מדבר איז דער שכל פון מענש , חי איז דער רגש , בעפיל, ~~אין מענש~~ וואס אמאל איז דער בעפיל לויט שכל און אמאל נישט לויט שכל , ווי א בעל חי וואס אמאל פירט ער זיך לויט שכל און אמאל נישט , צומח , זיינען די מדות זיסען ~~מענש~~ ~~מענש~~ וואס זיינען נידריגער פון שכל , און דומם דאס איז די מעשים פון דעם מענש וואס אין זיי איז נישט קענטיג בי אין דעם איז דא שכל און בעפיל צי נישט , איז צו די דערהויבונג פון דעם מענש און צו זיין לעבען אז דער לעבען זאל זיין ווערט דעם נאמען לעבען , און זאל נישט באשטיין בלויז אין עסען און טרינקען און אנדערע קערפערליכע פארגעניגענס וועלכע אויך להבדיל א בעל חי גלייכט זיך אין דעם אויס , וואס צו שאפען אזא סארט לעבען וואס זאל זיין ווירדיג דעם נאמען לעבען פון א מענש איז דאס דוקא דורך תורת חיים , תורה וואס שאפט דעם לעבען פון א איד און גיט איהם ~~...~~ אזא סארט לעבען , איז אויך אין דעם איז נישט בענוג אז דאס זאל זיך אויס- דריקען בלויז אין דעם מדבר פון דעם מענש אין זיין שכל , אז זיין שכל און געדאנק זאל זיין א אידישער שכל און אידישער געדאנק , און אויך נישט אין דעם חי פון דעם מענש אין זיין ~~...~~ רגש און געפיל אז ער זאל פילען אידיש , און אויך נישט נאר אין דעם צומח פון דעם מענש אין זיינע מדות און זיסען זיי זאלען זיין אידיש, א אידיש הארץ , נאר עס מוז זיין אז דער דומם פון א איד די מעשים זיינע זאלען זיין אידישע מעשים און אדרבא המעשה היא העיקר דער עיקר איז גאר די מעשים , און דאן ווען די מעשים זיינען אידיש און תורה'דיג , דאן הויבט דאס אויף דעם גאנצען מענש אויף חיבע זיסען געפילען און אויך זיין שכל , אז ער פילט אידישער פארשטייט אידישער , און אן ערך העכער ווי עס וואלט זיין אן די מעשים .

א לעבעדיגען ביישפיעל אויף דעם האבען מיר פון די מצוה פון צדקה , וואס אלע מצוות ווערען דאך פארגליכען און אנגערופען מפי מיט דעם נאמען צדקה ~~...~~ איז ביי צדקה איז אמת טאקע אז דער ווערט ווי צו געבען צדקה איז נישט נאר די מעשה אליין דער געבען און העלפען דעם אריםאן , נאר עס דארף זיין דער המפייסו , דער מיטפילען דעם נויטבאדערפטיגען , און ארויסווייזען איהם דעם מיטפילען און ערמוטיגען



באטש עס באשטייט נאר פון מעל און וואסער , אבער ווייל עס ווערט נישט בעטהאן קיין פעולות נישט צו דערלאזען די וואקסונג , מען ~~שטעלט עס נישט אוך~~ קוועטשט עס נישט הויבט עס זיך און וואקסט ווי אויף היירוען ביז עס דערלאזט נישט קיין פלאץ פאר א צווייטען , דאגעגען מצה פלייבט ווי די איז מצד ~~...~~ וואס באשטייט פון מעל און וואסער , אן ~~...~~ ישות און געהויבענקייט , און דערלאזט אן ארט פאר דעם צווייטען .

און דאס איז וואס דער ים סוף מסתורדיגט אויף אחדות ווי דערמאנט , אט ווי מצה באווייזט און סימבאליזירט אחדות דער קעגענזאץ צו עגאאיזם און ברויסהאלטב ישוע און מציאות .

מיט די ארויסגאנג פון מצרים איז דאך אנגעשאנגען דער ווערען פון דעם אידישען פאלק נישט נאר אלס כלל נאר אויך יעדער אידישער יחיד איז דאן אנטשטאנען און געווארען זיין ווערען , ווייל פריהער זיינען זיי דאך געווען קנעכט פון פרעה , וואס א קנעכט און שקלאף האט נישט קיין אייגענעם ווערען כל מה שקנה עבד קנה רבו , אלעס וואס בעלאנגט צום קנעכט באלאנגט אטאמאטיש צו זיין האר , גאר מיט יציאת מצרים איז אנטשטאנען דער ווערען פון אידען , איז בלייך דער אנפאנג פון דעם אידישען ווערען -דורך מצה איך דעם זמן חירותינו , וואס סימבאליזירט אז דער פונדאמענט פון אידישען ווערען באשטייט פון ביטול און אחדות דער קעגענזאץ צו עגאאיזם און גרויסהאלטונג וואס זוכט אלץ פאר זיך און דערלאזט נישט קיין פלאץ פאר דעם צווייטען און די פאראייניקונג מיט דעם צווייטען .

און בשעת א איד פירט זיך אין אזא אופן פון מצה , זוכט פאר זיך בלויז די גוטיגסטע אפן איז גרייט אפצוגעבען פאר דעם צווייטען דאס בעסטע , דאן גיט איהם דער אויבערשטער פון זיין פולע ברייטע היילינע און אפענע האנט אלע זיינע פאטריאלע באדערפעניש -בהרחבה , ווי עס שטייט אט בחוקותי תלכו ונתתי גשמיכם בעתם מיט אלע ברכות וואס זיינען אויסגערעכנט אין יענער פרשה.

בתשכ"ז פנו מארגון מסויים להרב חדקוב ז"ל ובקשו את תמיכת הרבי בשידור בשביל ארגונם והרב חדקוב מסר את זה- להבליח - להרב וויינבערג שי'. הרב וויינבערג הכניס לרבי את תוכן השידור שהכין בשבילם הרבי הגיה את הנאום וכתב על גליון המכתב כדלהלן:

ב"ה ט' טבת תשכ"ז .

כ"ק אדמו"ר שליט"א.

הרהמ"א שי' מסר לי המכתב לכ"ק ושאחדבר עמהם ולעשות טעיפ בענין שאסדר , והנה דברתי עם הרב שי' ואמרתי לו אשר נמסר לי לסדר הדבר , (כמובן שלא בהדגשה אשר מכ"ק שליט"א לא ניתן דבר בכתב ) ושמעתי הטעיפ של הרב זעווין שי' אשר הוא בעיקר על התמיכה של באה"ק אופני התמיכה וכדומה ורק בסוף מזכיר אשר אדמוה"ז באגה"ק מפליא בצדקת ארץ ישראל אשר עיני ה' אלקיך בה צדקת הוי' וכו' ) .

הטעיפ של הרב זעווין הוא ז' רגעים וממילא (כפי התכנית שלהם לתת זה ביחד)נשאר לי לעשות טעיפ של ו' רגעים וכתבתי המצו"ב שזה בדיוק(בערך)ו' רגעים , ואף שבאופן שכתבתי הדברים נשמע בפירוש שאין זה דבר שניתן מכ"ק או ממזכירות כ"ק , אבל מאחר שבכל זה יובן הדבר אפפ לאחרים שזה מליובאוויטש , לכן אני מוצא לנחוץ להכניסו לכ"ק שיהי' זה למראה עיני כ"ק , טרם שאעשה הטעיפ מזה .

בנוגע לאיזה מוש"ק שיתנו זה אמר לי הרב שי' שעוד יתיישבו בזה כי מאחר שבכל מוש"ק יש להם ספאנסאר אחר , ולתוכנית של ליובאוויטש אין יכולים לתת ספאנסער כמו שיש להם על מוש"ק הפפ/אחד מהיוניאן אף ארטאקדאקס קאנג. ועל עוד אחד מאיזה מלון , וזה הוא מבין שאין זה מתאים לליובאוויטש,וע"כ יחפשו אחר ספאנסאר ישראים , (הוא אפילו הזכיר אשר אולי ליובאוויטש הי' מרוצה להיות הספאנסאר על המוש"ק שיהי' השידור הזה , אבל אני אמרתי לו שאני אינני יכול להגיד לו דבר בזה, וגם הוא בעצמו אמר שקשה לו לבקש זה ) .



[illegible]

# תשורה משמחת נישואין של דוד הלוי ושרה ביילא וויינבערג

בתשכ"ה מיד לאחרי ו' תשרי כתב הרב וויינבערג שי' להרבי את המכתב דלהלן שעל צדו רשם הרבי "ת"ח ת"ח על הענין ועל ההודעה אודותו, והרי בכ"ע מצפה כ"א לענין של נח"ר ובפרט בעת וכו'".

על מה שכתב "אולי הי' כדאי לסדר שבמשך השנה בכל מוש"ק יהי' שידור של מסירת השיחות" מתח הרבי קו על המילים "אולי הי'" וסימן חץ ש"כדאי לסדר" והקיף את המילים "שבמשך השנה" וסימן חץ וכתב "וזה מחזק סברתי להתוועדות - בל"נ – בש"ק עכ"פ בקיצור בכמות".

על מה שכתב "עוד אין לי מקור על ההוצאות הכרוכות בזה" הקיף הרבי את המילים "ההוצאות הכרוכות בזה" וכתב "מחצה עלי".

ב"ה ב' דחוהמ"ס תשכ"ה.

כ"ק אדמו"ר שליט"א.

לא הספקתי עד היום להודיע לכ"ק שליט"א אשר במוש"ק מסרתי על הרדיא אשר לכבוד יום ההילולא י"ב תשרי הואיל כ"ק שליט"א להגיד מאמר דא"ח מבעל ההילולא ושיחות קדש, אבל לפני זה הואיל כ"ק שליט"א להגיד שיחות קדש בקשר ושייכות להתחלק-ות הרבנית נ"ע וימי השבעה (אשר ביום הזה הי' יום השביעי וההוספה מהספרי מגדים ובחלת שבעה וכו' זה הוספתי בחחלה באשר מסרתי שהשידור הוא לעלוי נשמתה) וע"ז ספר כ"ק מי"ב תשרי תש"ה וההסברה אשר ההחלה בהנהגה מכ"ק אדמו"ר הרש"ב (לא מבעל ההילולא) לא הי' זה בגלל שכל שייכותו וכו' כי אם מפני שבשלשה שותפים וכו' ענין השותפות וכו', ועוד ענין של קדימה הי' אשר כ"ק שליט"א אמר ע"ז שדרש עיון גדול והוא בענין הקדישים, ומסרתי עוה"פ מההוראה של וילך משה ומסרתי הסדר שהוא בליובאוויטש שכאשר כ"ק אדמו"ר אומר קדיש אין אחר אומר אז ושהרש"ל עבר לפני התיבה וכו' וההסברה שבזה אשר מלבד סיכולים לכוון באמירת הקדיש גם וכו' הנה מאחר שידוע לרבים דברי כ"ק אדמו"ר הרש"ב נ"ע אשר אמירת הקדיש בשביל אדמוה"ז וכדומה הוא זכות להשומעים והאומר וכו' ולכן לא הי' חשש גם מצד השומעים.

אח"כ אמרתי אשר בהמשך השיחה הראשונה ביאר כ"ק שהביאור על מאמר חז"ל שבק חיים וכו' הוא לא רק אצל צדיק (נשגב) כי אם גם לבחי' הצדיק שבנשמת כל איש ישראל אשר מצד בחי' זו החיים אינם בשמירה כי אם אמונה ויראה ואהבה, ובפרט מי שמניח הוראות אפילו לימוד, וסיימתי בדברים אחדים מהשיחה האחרונה שהכלי אשר כל ההשפעות יבואו למטה בטוב הנראה והנגלה-היא השמחה דימי הסוכות ואשר השמחה מתחלת עוד ביום הכפורים וכו'.

כפי שהזכרתי כבר-אמרתי אשר השידור הוא לעילוי נשמת הרבנית בשמה ובשם אבי', וכן עשיתי במוש"ק וילך שאמרתי אז שאין למנוע ממסירת דברי ספר חסידות והתעוררות ואדרבא שהוא לעילוי נשמתה.

אגב, הנה ביום ה' וילך בקר כאשר הי' לי השידור הראשון מהישיבה (לא בזמן הרגיל שהוא ביום ג') לפני השידור צלצלתי מהתחנה להרבנית להודיע לה על השידור בידעי שהרבה פעמים גרם לה השידור קורת רוח ובפרט שבהשידור הזכרתי נקודה משיחת כ"ק בר"ה, ואמרה לי אשר גם במוש"ק שמעה השידור והוסיפה דער אייבערשטער זאל געבען מ'זאל האבען כח צוזאגען, ובהיות שאמרה זה מיט א שוואכקייט בקולה, אמרתי הלא בר"ה היתה ההודעה שמחה ומקוים על שנה שמחה, השיבה הלוואי אויף אלע אידען והוסיפה דער רבי אליין דארף דאס נוייטיג האבען, וסיימה בברכות לי ולמשפחתי.

יש אצלי מחשבה שבהיות שהרבנית הלא היתה מעריצה גדולה מהשידורים של חגיא ושיחות קדש, אולי הי' כדאי לסדר שבמשך השנה בכל מוש"ק יהי' שידור של מסירת שיחות (לא רק בש"ק מברכין) ושיהי' זה לעילוי נשמתה, יכולים לקחת מהלקוטי שיחות שנדפסו או מאלו שעוד טרם נדפסו הזמן על ענינים אלו

אמנם מלבד הזמן שזה דורש מאתי אשר מפני זה חסר לי מאד הזמן בשביל לימוד וחינוך לבניי שי', אשר בעבר כאשר הי' לי זמן קבוע למדתי יותר טוב ובאשר לא הי' לי זמן וכו' -מלבד זה עוד אין לי מקור על ההוצאות הכרוכות בזה, חשבתי אולי לחת בעצמי ההוצאות על זה, אמנם-כפי שהוא עתה-הנה מהריות בכוזמן ת"ל הנה הרבה יותר מל' אחוזים עולים כספי הצדקה, ולכן עוד עלי להתיישב בזה.

יוסף הלוי וויינבערג

# תשורה משמחת נישואין של דוד הלוי ושרה ביילא וויינבערג

ממענות כ"ק אדמו"ר נשיא דורנו שהתקבלו ע"י הרב וויינבערג שי'

ת"ח על הבשו"ט הנ"ל

אזכיר עה"צ להנ"ל.

עפ"י מאחז"ל חמרא למרא טיבותא לשקי' (ובפרט) גדול המעשה כו' מובן שהבא לקמן שייך גם אליו.

נתינת – תרומה הנ"ל נתקבלה. והנה פאר דעם עיקר – די מצוה שבדבר [ובפרט מצות צדקה ובפרט בסכום שזוהי פעם הראשונה שנותן סכום כזה שלא ע"מ לקבל פרס וכל התחלות קשות] – דיינקט דער אויבערשטער. וכהל' נח"ר לפני, תענוג הבורא (המשך וככה) [ובפרט בצדקה – מצותו של הקב"ה – ובאופן בהתחלת נתינות בהרחבה – וכמש"נ רחבה מצותך מאד. אגה"ק סי' טו"ב]

אבל מה שעלי להודות – הוא על הנח"ר שגרם לי ובמילא – הרחבה בכו"כ ענינים שאין שייכים לממון כלל (נוסף על ההרחבה בפעולות הקשורות בהוצאות כספיות)

וגודל הנח"ר שמתחיל לצאת מן המיצר אל המרחב האמיתי בענין של מצוה וממון (להבדיל ושע"י נתינתו נעשו גם יחד.

ונתינתו עוררה אותי על הביאור בפירש"י (ר"פ כי תשא את ראש) אשר כאשר "זה יתנו" נראה הקב"ה למשה שבנשמה ומראה לו שנתינתו היא "מטבע של אש".

* * *

המענה לענין גיסתו של ...... כפי שכתבי טענות זוגתו של ...... .

על מה שנכתב (שבאם ישמרו טהמש"פ לא תחשוש מלהתעבר)

1) והנני כופל זה עוה"פ.

(וכפי דבריהם שמרו טהמש"פ בכל הפרטים)

2) כשילמדו עוה"פ כל הפרטים (עם יודע (ת) דינים) יתברר אצלם מה שלא נשמר – באם עדיין לא יודעים זה

3) (ולא קבלה מענה על מכתבה) אזכיר על הציון עוה"פ

4) (איך הי' יכול להיות כזאת?)

הטעם כל הרשום לקמן, או חלק מזה:

א) פרטים שלא נשמרו בטהמש"פ (כנ"ל). ב) כו"כ מבנ"י בתוכם גם מגדולי ישראל נולדו דוקא לאחרי הפלה. ג) א' מהזוג או שניהם – אמרו בתוקף לאחרי שנתעברה – שמתחרט על השמירה דטהמש"פ, על העיבור וכו'. ד) הזוג שכחו שהשם הוא מקור הברכה ונותנה וכו' ובטחו רק בבנ"א בו"ד, בי.